וואַקצין אינפֿאָרמאַציע סטעיטמענט

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען אוועילעבל אין אידיש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

# COVID-19 וואַקצין:
## וואָס איר דאַרפֿט וויסן

### 1. פֿאַרוואָס וואַקצינירט ווערן?

**COVID-19 וואַקצין קען פֿאַרמײַדן COVID-19 קראַנקייט.** וואַקסינאַציע קען העלפֿן פֿאַרקלענערן די שווערקייט פֿון COVID-19 קראַנקייט אויב איר ווערט קראַנק.

COVID-19 איז פֿאַרשאַפֿן בײַ אַ קאָראָנאַווירוס גערופֿן SARS-CoV-2 וואָס פֿאַרשפרייט זיך גרינג פֿון מענטש צו מענטש. COVID-19 קען זײַן מילד צו מעסיק, קען דויערן בלויז עטלעכע טעג, אָדער עס קען זײַן שווער, באַדאַרפֿן שפּיטאָליזאַציע, אינטענסיווע אָפּהיטונג, אָדער אַ ווענטילאַטאָר כדי צו העלפֿן מיט אָטעמען. COVID-19 קען דערפֿירן צו טויטפֿאַל.

COVID-19 סימפּטאָמען קענען זיך באַווײַזן 2 ביז 14 טעג נאָכן זײַן אויסגעשטעלט צו דעם ווירוס. מען קען האָבן מילדע, מעסיקע אָדער שווערע סימפּטאָמען.

- מעגלעכע סימפּטאָמען קענען אַרײַננעמען פֿיבער אָדער ציטערן, הוסט, קורצער אָטעם אָדער שוועריקייט צו אָטעמען, מידקייט (זײַן פֿאַרמאַטערט), מוסקל אָדער קערפּער ווייטיקן, קאָפּ ווייטיק, נײַע אָנווער פֿון טעם אָדער שמעקן, האַלדזווייטיק, פֿאַרשטאָפּטע אָדער רינען פֿון נאָז, עקל; ברעכן; און שילשול.
- מער ערנסטע סימפּטאָמען קענען אַרײַננעמען פּראָבלעמען צו אָטעמען, נאָכאַנאַנד ווייטיק אָדער דריקונג אין ברוסטקאַסטן, נײַע צעמישונג, אוממעגלעכקייט צו זײַן וואַך אָדער בלײַבן וואַך, בלאַסע, גרויע אָדער בלויע הויט, ליפּן, אָדער נעגל בעטן, (אָפּהענגיק פֿון הויט טאָן).

עלטערע דערוואַקסענע און מענטשן אין יעדן עלטער מיט געוויסע אונטערליגנדע מעדיצינישע צושטאַנדן (אַזוי ווי האַרץ אָדער לונג קראַנקייט אָדער צוקערקרענק) האָבן מער שאַנסן צו ווערן זייער קראַנק פֿון COVID-19.

נאָך COVID-19 קראַנקייט, האָבן געוויסע מענטשן לאַנג COVID, אַ כראָנישע צושטאַנד מיט סימפּטאָמען וואָס דויערן 3 מאָנאַטן אָדער לענגער. סימפּטאָמען פֿון לאַנג COVID קענען ווערן בעסער, ערגער, אָדער בלײַבן די זעלבע.

מענטשן וואָס זענען דערהײַנטיקט מיט זייער COVID-19 וואַקסינאַציע האָבן אַ קלענערע געפֿאַר פֿון שווערע קראַנקייט, שפּיטאָליזאַציע, און שטאַרבן פֿון COVID-19 ווי מענטשן וואָס זענען נישט דערהײַנטיקט. COVID-19 וואַקסינאַציע איז דער בעסטער אופֿן צו פֿאַרמײַדן לאַנג COVID.

באַקומען אַ COVID-19 וואַקצין העלפֿט דעם קערפּער לערנען וויאַזוי צו באַשיצן זיך פֿון דער קראַנקייט און פֿאַרקלענערן דעם געפֿאַר פֿון שווערע קראַנקייט און קאָמפּליקאַציעס. אַחוץ דעם, COVID-19 וואַקצינען קענען געבן מער פֿאַרהיטונג פֿאַר מענטשן וואָס האָבן שוין געהאַט COVID-19, איינשליסליך פֿאַרהיטונג פֿון שפּיטאָליזאַציע אויב זיי ווערן ווידער אָנגעשטעקט מיט COVID-19.

### 2. COVID-19 וואַקצין

די דערהײַנטיקטע 2025–2024 COVID-19 וואַקצין איז רעקאָמענדירט פֿאַר אַלעמען פֿון 6 מאָנאַטן אַלט און עלטער. דאָס שליסט אײַן מענטשן וואָס שוואַנגערן, ברעסטפֿידינג, פּרובירן צו פֿאַרשוואַנגערן, אָדער וועלכע וועלן שוואַנגערן אין צוקונפֿט.

COVID-19 2024–2025 וואַקצינען פֿאַר פּיצל קינדער און קינדער פֿון 6 מאָנאַטן ביז 11 יאָר אַלט זענען פֿאַראַנען לויט עמערדזשענסי ניצן אויטאָריזאַציע פֿון די U.S. שפּײַז און דראָג פֿאַרוואַלטונג (Food and Drug Administration, FDA). ביטע גייט צו די פֿאַקט בויגנס פֿאַר דערהאַלטער און קעיר-געבער פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע.

פֿאַר מענטשן 12 יאָר אַלט און עלטער, 2025–2024 COVID-19 וואַקצינען, פּראָדוצירט בײַ ModernaTX, Inc אָדער Pfizer, Inc., זענען באַשטעטיקט בײַ FDA.

Novavax COVID-19 Vaccine Adjuvanted (וואַקצין אַדזשוואַנטיד) (2025–2024 פֿאָרמולאַ) וואַקצין איז פֿאַראַנען לויט עמערדזשענסי ניצן אויטאָריזאַציע פֿון דעם FDA פֿאַר מענטשן פֿון 12 יאָר אַלט און עלטער. ביטע גייט צו די פֿאַקט בויגן פֿאַר דעהאַלטער און קעיר-געבער פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע.

**יעדער פֿון 6 מאָנאַטן אַלט און עלטער** ווערט רעקאָמענדירט צו באַקומען אַן עלטער־צוגעפּאַסטע FDA—באַשטעטיקטע און אויטאָריזירטע דערהײַנטיקטע 2025–2024 COVID-19 וואַקצין.

**געוויסע מענטשן אַזוי ווי די וואָס האָבן מעדיצינישע צושטאַנדן אָדער נעמען מעדיצינען וואָס ווירקן אויף דעם אימונע סיסטעם**, מעגן דאַרפֿן ווײַטערדיקע דאָזעס פֿון COVID-19 וואַקצין. אײַער געזונטהייט קעיר צושטעלער קען אײַך זאָגן וואָס צו טוהן.



U.S. CENTERS FOR DISEASE CONTROL AND PREVENTION

## 3. רעדט מיט אײַער געזונטהײַט קעיר צושטעלער

זאָגט אײַער וואַקסינאַציע צושטעלער אויב דער מענטש וואָס באַקומט די וואַקצין:

- האָט געהאַט אַן **אַלערגישע רעאַקציע נאָך אַ פֿריערדיקע דאָזע פֿון די COVID-19 וואַקצין** אָדער האָט סיי וועלכע **ערנסטע, לעבנס-דראָענדע אַלערגיעס**
- האָט געהאַט **מיאָקאַרדיטיס** (אָנצינדונג פֿון דעם האַרץ מוסקל) אָדער **פּעריקאַרדיטיס** (אָנצינדונג פֿון דעם אונטערשלאַק אינדרויסן פֿון דעם האַרץ)
- האָט געהאַט **מולטיסיסטעם פֿאַרצינדונג סינדראָם** (גערופֿן MIS-C אין קינדער און MIS-A אין דערוואַקסענע)

אין געוויסע פֿאַלן, וועט אײַער געזונטהײַט קעיר צושטעלער באַשליסן צו אָפּשטופּן COVID-19 וואַקסינאַציע ביז אַ צוקונפֿטיגע באַזוך.

מענטשן מיט מינערווערטיקע קראַנקײַטן, אַזוי ווי פֿאַרקילונג, מעגן וואַקצינירט ווערן. מענטשן וואָס זענען מיטלמעסיק אָדער ערנסט קראַנק, אײַנשליסלעך מיט COVID-19, דאַרפֿן געוויינטלעך וואַרטן ביז זיי קומען צוריק צו זיך.

די COVID-19 וואַקצין מעג געגעבן ווערן אין דעם זעלבן צײַט פֿון אַנדערע וואַקצינען.

## 4. ריזיקעס פֿון אַ וואַקצין רעאַקציע

- ווייטיק, געשווילעכץ, און רויטקײַט אַוווּ מען גיט די וואַקצין, פֿיבער, פֿאַרמאַטערטקייט (מידקײַט), קאָפּ ווייטיק, ציטערן, מוסקל ווייטיק, געלענק ווייטיק, עקל, ברעכן, און געשוואָלענע לימפֿע נאָדעס קענען געשען נאָך COVID-19 וואַקסינאַציע.
- מיאָקאַרדיטיס (אָנצינדונג פֿון דעם האַרץ מוסקל) און פּעריקאַרדיטיס (אָנצינדונג פֿון דעם אונטערשלאַק אינדרויסן דעם האַרץ) האָט מען זעלטן געזען נאָך COVID-19 וואַקסינאַציע. די דאָזיקע ריזיקעס האָט מען באַמערקט מערסט אָפֿט בײַ אַדאָלעסצענטן און יונגע דערוואַקסענע מענער. דער געלעגנהײַט פֿון דאָס זאָל געשען איז נידעריק.

עס קען געשען אַז מענטשן חלש'ן נאָך מעדיצינישע פּראָצעדורן, אַרײַנגערעכנט וואַקסינאַציע. זאָגט אײַער צושטעלער אויב איר זײַט שווינדליק אָדער האָט זעאונג ענדערונגען אָדער איר הערט קלינגען אין די אויערן.

פּונקט ווי מיט יעדע מעדיצין, עס איז דאָ אַ קליינע אויסזיכט אַז א וואַקצין זאָל פֿאַרשאַפֿן אַ שווערע אַלערגישע רעאַקציע, אַנדערע ערנסטע שעדיגונג, אָדער טויט.

V-safe איז אַ זיכערהײַט נאָכפֿאָלגונג סיסטעם וואָס לאָזט אײַך מיטטיילן מיט די CDC וויאַזוי איר, אָדער אַנדערע אויף וועמען איר זענט פֿאַראַנטוואָרטליך, פֿילן נאָכן באַקומען אַ COVID-19 וואַקצין. איר קענט געפֿינען אינפֿאָרמאַציע און זיך אײַנשרײַבן אין V-Safe בײַ vsafe.cdc.gov.

## 5. וואָס אויב עס איז דאָ אַן ערנסטן פּראָבלעם?

אַן אַלערגישע רעאַקציע קען פֿאָרקומען נאָכדעם וואָס דער מענטש וואָס האָט באַקומען די וואַקצין פֿאַרלאָזט די קליניק. אויב איר זעט סימנים פֿון אַן ערנסטע אַלערגישע רעאַקציע (אויסשלאָגן, אַן אויפֿגעשוואָלענע פּנים און האַלז, שוועריגקייט צו אָטעמען, אַ שנעלע האַרץ קלאַפּ, אַ שווינדל, אָדער שוואַכקײַט), רופֿט **9-1-1** און נעמט דעם מענטש צו דעם נאָענסטן שפּיטאָל.

זוכט באַלדיקע מעדיצינישע אָפּהיטונג אויב דער וואַקצינירטע מענטש האָט ברוסטקאַסטן ווייטיק, אַ קורצער אָטעם אָדער פֿילט אַ שנעלע-האַרצקלאַפּ, פֿלאַטערן אָדער האַרץ האַמעריַי נאָך די COVID-19 וואַקסינאַציע. די קענען זײַן סימפּטאָמען פֿון מיאָקאַרדיטיס אָדער פּעריקאַרדיטיס.

פֿאַר אַנדערע סימנים וואָס פֿאַרזאָרגן אײַך, קלינגט אײַער געזונטהײַט קעיר צושטעלער.

אומגעווינטשענע רעאַקציעס דאַרף מען באַריכטן צו דעם וואַקצין אומגעווינטשענע געשעעניש באַריכטונג סיסטעם (Vaccine Adverse Event Reporting System, VAERS). אײַער געזונטהײַט קעיר צושטעלער וועט געווענטליך אַרײַנגעבן דעם באַריכט, אָדער איר קענט דאָס טוהן אַליין. באַזוכט די VAERS וועבזײַטל אויף www.vaers.hhs.gov אָדער רופֿט **1-800-822-7967**. *VAERS איז בלויז פֿאַר באַריכטן רעאַקציעס, און VAERS שטאַב מיטגלידער געבן נישט קיין מעדיצינישע עצות.*

## 6. שוץ מאָסנאַמען שאָדן פֿאַרגיטיקונג פּראָגראַם (Countermeasures Injury Compensation Program)

די שוץ מאָסנאַמען שאָדן פֿאַרגיטיקונג פּראָגראַם (CICP) איז אַ פֿעדעראַלע פּראָגראַם וואָס קען העלפֿן באַצאָלן פֿאַר קאָסטן פֿון מעדיצינישע קעיר און אַנדערע ספּעציפֿישע אויסגאַבן פֿון געוויסע מענטשן וואָס זײַנען געשעדיקט געוואָרן דורך געוויסע מעדיצינען אָדער וואַקצינען, אַרײַנגענומען די וואַקצין. אין אַלגעמיין, מען קען אַרײַנלייגן אַ קלעים צו דעם CICP ביז איין (1) יאָר פֿון די דאַטע ווען מען באַקומט די וואַקצין. כּדי צו לערנען מער וועגן דעם פּראָגראַם, באַזוכט דעם וועבזײַטל פֿון פּראָגראַם אויף www.hrsa.gov/cicp, אָדער קלינגט **1-855-266-2427**.

## 7. ווי אַזוי קען איך לערנען מער?

- פֿרעגט אײַער געזונטהײַט קעיר צושטעלער.
- קלינגט אײַער לאָקאַלע אָדער שטאַט געזונטהײַט דעפּאַרטמענט.
- באַזוכט דעם וועבזײַטל פֿון דעם שפּײַז און דראָג פֿאַרוואַלטונג (Food and Drug Administration, FDA) פֿאַר COVID-19 פֿאַקט בלעטלעך, פּעקל אינסערטס, און ווײַטערדיקע אינפֿאָרמאַציע אויף www.fda.gov/emergency-preparedness-and-response/coronavirus-disease-2019-covid-19/covid-19-vaccines.
- קאָנטאַקטירט די צענטערס פֿאַר קראַנקײַט קאָנטראָל און פֿאַרמײַדונג (Centers for Disease Control and Prevention, CDC):
  - רופֿט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אָדער
  - באַזוכט דעם COVID-19 וואַקצינען וועבזײַטל בײַ www.cdc.gov/covid/vaccines/index.html.

Yiddish translation provided by Immunize.org